NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13235

DOS MESERL

Sholem Aleichem

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאָלעם אַליכעם



1

קינדער ביבליאָטעק

פֿאַרלאַג
בוענאָס איירעס

דאָס צווייטע ביכעלע פון דער
קינדער־ביבליאָטעק וועט הייסן

קינדער־העלדן

(דערציילונגען)

**וועגן קינדער וואָס זיינען געווען
אין די געטאָס, קינדער וואָס האָבן
געקעמפט קעגן די נאַצים.**

טײַערע קינדער!

דעמדאָזיקן בריוו שרײַבט צו אײַך דער ייִדישער קולטור־פֿאַרבאַנד אין אַרגענטינע אין דעם זעלבן טאָג, ווען עס דערשײַנט דאָס ערשטע קינדער־ביכעלע — „דאָס מעסערל״ פֿון שאָלעם אַלייכעם. מיר ווײסן, אַז דאָס וועט אײַך שטאַרק פֿרייען, ווײַל איר וועט האָבן וואָס צו לייענען. זאָגן מיר אײַך, אַז „דאָס מעסערל״ איז דאָס ערשטע ביכעלע, אַנדערע וועלן דערשײַנען נאָך. דער ייִדישער קולטור־פֿאַרבאַנד, אָדער ווי מען רופֿט אים פֿאַר־קירצט — איקוף, זאָרגט, אַז איר זאָלט האָבן וואָס צו לייענען און איר זאָלט אײַער פֿרײַע צײַט קענען פֿאַרברענגען, לייענענדיק שיינע און נוצלעכע ביכעלעך.

פֿאַרוואָס גיבן מיר אַרויס פֿאַר אײַך ביכע־לעך? — ווײַל מיר ווילן איר זאָלט לייענען, איר זאָלט ווײסן און פֿאַרשטיין, ווײַל לייענען גוטע ביכער איז זייער וויכטיק, ווי וויכטיק עס איז עסן און שלאָפֿן, קעדיי צו קענען דערנאָך רואיק און גוט אַרבעטן. אַ גוט בוך דערוועקט גוטע געדאַנקען און לערנט דעם מענטשן צו טאָן גוטע און נוצלעכע זאַכן. דערצײלנדיק ווי

אזוי ער האָט אָנגעהויבן לייענען האָט דער גרויסער שרייבער מאַקסים גאָרקי געזאָגט:

„איך האָב דערפילט אז יעדעס בוך עפנט פאַר מיר א פענצטער צו א נייער אומבאַקאַנטער וועלט. די ביכער דערציילן מיר פון מענטשן, געפילן, געדאַנקען און באַציונגען, פון וועלכע איך האָב ניט געוואוסט און וועלכע כ'האָב ניט געזען".

זייער אָפט וועט אייך דער איקוף איצט ברענגען גוטע ביכעלעך, און מיר זיינען זיכער אז איר וועט לייענען, לייענען און פאַרשטיין, און די געדאַנקען פון די קינדער־העלדן, וואָס ווערן אין די ביכעלעך דערציילט, וועלן ווערן אייערע, — אויך איר וועט אויסוואַקסן גוטע מענטשן און געטרייע זין פון אידישן פאָלק.

איקוף

בוענאָס איירעס, דעצעמבער 1947.

א

הערט, יידישע קינדער, איך וויל אייך דערציילן א מאיסע (מעשה) מיט א מעסערל; נישט קיין אויסגעטראכטע מאיסע (מעשה), נאר אן עמעסע (אמתע), וואס האט זיך געטראפן מיט מיר מאקע אליין.

צו קיין זאך אף דער וועלט האב איך אזוי קיין כיישעק (חשק) געהאט ווי צו א מעסערל. קיין זאך אף דער וועלט האב איך אזוי נישט געגארט צו האבן ווי צו האבן א מעסערל, אן אייגן מעסערל. דאס מעסערל זאל זיך ליגן אין קעשענע, און ווען איך וויל זאל איך דאס מיר ארויסנעמען, און וואס איך וויל זאל דאס מיר שניידן — און לאזן מיינע כאווירים (חברים) וויסן!

איך האב נאר וואס אנגעהויבן גיין אין כיידער (חדר), האב איך שוין געהאט א מעסערל, דאס הייסט קימאט (כמעט) ווי א מעסערל. איך האב דאס מיר מאקע אליין געמאכט! —

איך האב אויסגעריסן א געגנדזענע פעדער פון א פלעדער־וויש, פון איין זייט אפגעהאקט, פון דער אנדערער זייט אויס־געגלעט און האב מיר פארגעשטעלט, עלעהיי עס איז א מע־סערל און סע שניידט...

— „וואס איז דאס פאר א פעדער? וואס איז דאס פאר ארומטראגן זיך מיט פעדערן?" — פרעגט מיך דער טאטע, א קראנקער ייד מיט א געל אויסגעטריקנט פנים (פאנים), און פארהוסט זיך. — „נא דיר גאר פעדערן, שפילעכלעך — קהע, הע־הע־הע!"

— „וואס ארט דיך, אז דאס קינד שפילט זיך?" — ענט־

פערט אים די מאמע, א נידעריטשקע יידענע מיט א זיידן טיכל אפן קאפ. — „אבי אויסעסן זיך דאס הארץ!"

שפעטער, אז איך האב שוין געהאלטן בא כומעש (חומש), האב איך שוין געהאט קימאט (כמעט) אן עבעסדיק (אמתדיק) מעסערל, אויך מיין אייגענע מעלאכע (מלאכה):

איך האב דערטאפט א שטיקל שטאל פון דער מאמעס „קרינעלינע" און האב דאס איינגעזעצט זייער קונציק אין א שטיקל האלץ. דאס שטיקל שטאל האב איך רעכט אנגעשארפט אן א טאפ און האב זיך דערביי, געוויינטלעך, צעשניטן אלע פינגער.

— „זע נאר, ווי ער האט זיך דאס א ביסל צעבלוטיקט, דער קאדיש (קדיש) דיינער!" — שרייט דער טאטע און נעמט מיך אן בא די פינגער אז די ביינדלעך קנאקן: „א שיינער באכער (בחור), קהע, הערהע!"

— „אוי, א דונער איז מיר!" — זאגט די מאמע און נעמט צו בא מיר דאס מעסערל און ווארפט דאס אריין אין אויוון אריין, קוקט נישט אף מיין געוויין: — „אצינד וועט דאס האבן אן עק, וויי איז מיר נישט!"

איך האב אבער ניך באקומען אן אנדער מעסערל, טאקע אף דער רעכטער עמעס (אמת) א מעסערל. א הילצערן קלעצל, א קיילעכיקס, א בייכיקס, ענלעך אף א פעפל, מיט א הויקערדיקן קלינגל, וואס האט זיך אי געעפנט אי פארמאכט.

איר ווילט וויסן ווי אזוי איך האב דאס באקומען? איך האב מיר צונויפגעשלאגן א קאפיטאל פון די אנבייסנס, און האב אפגעקויפט בא שלוימעלען (שלמהלען) פאר זיבן גראשן מעזומען (מזומן), און דריי בין איך אים געבליבן שולדיק.

אוי, האב איך דאס ליב געהאט! אוי, האב איך דאס ליב געהאט!

געקומען אהיים פונעם ביידער (חדר) א דערהארגעטער

(דערהרגעטער), א הונגעריקער, א שלעפעריקער, און אויס־
געפּאַטשטער, — איז דאָס ערשטע געווען אַרויסנעמען דאָס
מעסערל פון דער שוואַרצער שאַפע. דאַרט איז עס געלעגן אַ
גאַנצן טאָג, ווייל אין כיידער (חדר) האָב איך עס נישט געטאָרט
האַלטן און אין דער היים האָט אַוואַדע (אוודאי) קיינער נישט
געטאָרט וויסן, אַז איך האָב אַ מעסערל.

נאָך דעם האָב איך דאָס גענומען אויסגלעטן, איבערשניי־
דן אַ שטיקל פּאַפּיר, איבערהאַקן אַ שטרוי אויף דער האַלב,
און ערשט נאָך דעם צעשניידן מיין כיילעק (חלק) ברויט אויף
קליינינקע, קליינינקע שטיקעלעך, אָנשטעכן אויפן שפּיץ
פונעם קלינגל און ערשט נאָך דעם לייגן אין מויל אַריין.

שפּעטער, פאַרן שלאָף, האָב איך דאָס אויסגערייניקט,
אויסגעשייערט, אויסגעפּוצט, גענומען דאָס שאַרפשטיינדל,
וואָס איך האָב געפונען בא אונדז אויפן בוידעם, אָנגעשפּיגן
און גענומען זיך שטילערהיים צו דער אַרבעט — שאַרפן
דאָס מעסערל, שאַרפן, שאַרפן...

דער טאַטע מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ זיצט איבער אַ
סייפער (ספר), לערנט און הוסט, הוסט און לערנט.

די מאַמע איז אין קיך, פּאָרעט זיך בא דער כאַלע (חלה).
איך הער נישט אויף דאָס מעסערל צו שאַרפן, שאַרפן...

פּלוצים כאַפּט זיך אויף דער טאַטע ווי פון שלאָף:

— „ווער פּישטשעט דאָרטן? ווער אַרבעט דאָס? וואָס
טוטסטו, שייגעץ איינער?"

ער גייט צו צו מיר און בייגט זיך אָן איבער מיין שאַרפ־
שטיינדל און כאַפּט מיך פאַרן אויער און פאַרהוסט זיך.

— „אַ־אַ־אַ? מעסערלעך!? העע־העע־העע!" — זאָגט דער
טאַטע און נעמט צרבאַ מיר דאָס מעסערל מיטן שאַרפשטיינ־
דל: „אָזאַ יונגאַטש! קהעע־העע־העע!"

איך הייב אָן צו וויינען אויף אַ קאָל (קול). דער טאַטע
פאַרבעסערט מיר מיט עטלעכע פּעטש און די מאַמע לויפט
אַריין פון קיך מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, מיט אַ גוואַלד:

— „שא, שא, וואָס איז דאָרט אזעלכעס? פאַר וואָס שלאָגסטו אים? גאָט איז מיט דיר! וואָס האָסטו צום קינד? ווײ איז מיר נישט!"

— „מעסערלעך?" — שרײַט דער טאַטע און פאַרהוסט זיך — „אַ ברעקעלע קינד־? ! אַזאַ יונגאַטש! קהע־הע־הע־הע! אַ באָכערל (בחורל) פון אַכט יאָר! איך וועל דיר געבן מעסער־לעך, דו פּוסטער באָכער (בחור) אײנער! אין מיטן דרינען גאָר מעסערלעך, קהע־הע־הע־הע!"

גוואַלד, וואָס האָט ער געהאַט צו מײַן מעסערל? וואָס האָט דאָס באַ אים אַזוי פאַרזינדיקט? פאַר וואָס איז ער אַזוי אין קאַס (כעס)?

איך געדענק מײַן טאַטן קימאַט (כמעט) שטענדיק קראַנק, שטענדיק בלאַס, געל און שטענדיק אין קאַס (כעס), שטענ־דיק ברויגעז (ברוגז) אַף דער גאַנצער וועלט. פאַר אַ מינדסט נאַרישקייט ווערט ער אַנגעצונדן. אַ גליק וואָס די מאַמע פאַר־היט מיך, זי לייזט מיך אויס פון זײַנע הענט.

און דאָס מעסערל מײַנס האָט מען פאַרוואָרפן, פאַר־וואָרפן אַזוי הויט, אַז איך האָב דאָס אַכט טאָג געזוכט און געזוכט און האָב דאָס נישט געקאָנט געפינען אין ערגעץ!

איך האָב באַוויינט דאָס הויקערדיקע מעסערל, דאָס גוטע מעסערל. און ווי ביטער און פינצטער מיר איז געווען אין כיידער (חדר), אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך וועל קומען אַהיים מיט געשוואָלענע באַקן, מיט רויטע אונטערגעריבענע אויערן פון רעבנס (רבינס) הענט — צו וועמען וועל איך זיך קערן און ווענדן?

עלנט בין איך געבליבן אָן דעם הויקערדיקן מעסערל, עלנט ווי אַ יאָסעם (יתום).

קיינער, קיינער האָט נישט געזען מײַנע טרערן, וועלכע

ווער פישמשעם דארמן? ווער ארבעט דאס?

איך האָב שטילערהייט פאַרגאָסן בײַ זיך, אױף מײַן בעטל בײַנאַכט קומענדיק פֿון כײדער (חדר). שטיל האָב איך זיך אויסגעוויינט, אויסגעווישט די אויגן, אַנטשלאָפֿן געוואָרן, און אױף מאָרגן פֿרי — ווידער אין כײדער (חדר) אַרײַן! ווידער דעם רעבנס (רבינס) קלעפּ!

און אין דער היים — ווידער דעם טאַטנס קאַעס (כעס). דעם טאַטנס הוסט.

נישטאָ קײן פֿרײַע מינוט, קײן פֿריילעכע מינע, קײן שמײכעלע, קײן אײנציק שמײכעלע פֿון קײנעם, פֿון קײנעם — אײנער אַלײן, עלנט, עלנט אױף דער גאַנצער וועלט!

ב

פֿון יענער צײַט אָן איז איבערגעגאַנגען אַ יאָר און עפּשער (אפשר) אַנדערהאַלבן. איך האָב שוין קימאַט (כמעט) אָנגע־הויבן־צו פֿאַרגעסן דאָס הויקערדיקע מעסערל.

ענֵי ווייזט אויס, אַז מיר איז אָבער באַשערט געווען, אַז מײַנע אַלע קינדערשע יאָרן זאָל איך אָפּקומען פֿאַר מעסער־לעך. איז געבוירן געוואָרן אַ נײַ מעסערל אױף מײַן אומגליק אַ שפּאָגל־נײַ מעסערל, אַן אַנטיקל, כ׳לעבן, אַ וואָזשנע מע־סערל, מיט צוויי קלינגלעך, טײַערע שטאָלענע קלינגלעך, מיט אַ ווײַס בײנערן קלעצל, מיט רויטע מעשענע שטיפטיק־לעך — איך זאָג אײַך, אַן אַנטיקל אַ מעסערל!

ווי קומט צו מיר דאָס דאָזיקע טײַערע מעסערל? דאָס איז אַ גאַנצע מאַיסע (מעשה), אַ טרויעריקע, נאָר אַ שײנע מאַיסע (מעשה). הערט, איך בעט אײַך, מיט קאָפּ.

בײַ אונדז איז אײַנגעשטאַנען אַ רײַכער סויכער (סוחר), אַ ידישער דײַטש. געהײסן האָט ער הער הערץ הערצנהערץ. געגאַנגען איז ער אָן אַ הוטל, אָן אַ באָרד, אָן פּײעס (פאות) און, איך בעט איבער אײַער קאָוועד (כבוד), ביז העכער האַלב

אונטערגעשניטן די קאַפּאָטע. איך פרעג אייך, ווי אזוי האָב איך זיך געקאָנט איינהאלטן און נישט פלאצן פאר געלעכטער, ווען דער דאַזיקער יידישער גוי אָדער דער גויאישער ייד האָט צו מיר גערעדט דאַווקע (דווקא) אַף יידיש, נאָר עפּעס אַ מאָדנעם יידיש, מיט אַ סאַך (סך) פּאַסעכן (פסחן).

— „גוּ, ליבסטער קנאַבע, וואָס האסטו געלערנט דיזע וואָכע?"

— „כּי-כּי-כּי", — האָב איך זיך צעלאכט און באהאלטן דאָס פּאָנים (פנים) אין האַנט.

— „זאָגע, זאָגע, מיין ליבעס קינדכען, וואָס האסטו געלערנט דיזע וואָכע?"

— „כּי, כּי, כּי", — האָב איך אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און בין אנטלאָפן געוואָרן.

נאָר דאָס איז אָלץ געווען צום אָנהייב, ווען איך האָב אים נאָך גאָרנישט געקענט. אָבער נאָך דעם אַז איך האָב זיך שוין גוט באַקענט מיט דעם דאַזיקן דייטש הער הערץ הערצנהערץ, האָב איך אים אזוי ליב געקריגן, אַז עס האָט מיך שוין מער נישט געאַרט, וואָס ער דאַוונט נישט און עסט אומגעוואַשן.

איין זאַך האָב איך נישט געקאָנט פארשטיין: פאר וואָס דער טאַטע, וואָס איז געווען אַן ערלעכער ייד, האָט אים שטענדיק אָפּגעטראָטן דעם אויבנאָן, און אויך אַלע אַנדערע יידן, וואָס פלעגן אריינקומען צו אונדז אין שטוב אריין, פלעגן אים שטאַרק אָפּגעבן קאָוועד (כבוד):

— „שאָלעם אַלייכעם (שלום-עליכם), ר' הערץ הערצנהערץ! באָרעך - האַבאָ (ברוך-הבא), ר' הערץ הערצנהערץ! זיצט, ר' הערץ הערצנהערץ!"

איך האָב אַפילע (אפילו) אַ פרעג געטאָן דעם טאַטן, האָט ער מיך אָפּגעשטופּט און האָט מיר געענטפערט:

— „אַוועק, ס'איז נישט דיין אייסעק (עסק). וואָס פלאַנטער-

סטו זיך דאָ ארום? מענטש נעמען א סייפער (ספר) אין האַנט, הע-־הע־הע־הע!"

ווידער א סייפער (ספר)? איך וויל אויך זען! איך וויל אויך הערן וואָס ער רעדט!

איך גיי אַריין אין זאַל און פאַרגאַנווע (פארגנבע) זיך אין א ווינקעלע און הער זיך צו, ווי מע רעדט באַ אונדז, ווי דער הער הערין הערצנהערין לאַכט אַף א קאָל (קול) און רייכערט גראָבע שווארצע „ציגאַריעךן" וואָס שמעקן מעכאַיע נעפּאַשעס (מחיה נפשות). פּלוצים גייט צו צו מיר דער טאַטע און לאָזט מיר אראָפּ א פּאַטש.

— „ביסט שוין ווידער דאָ? דו פּוסטעפּאַסניק! וואָס וועט זיין פון דיר דער טאַכלעס (תכלית)? גוואַלד, וואָס וועט זיין פון דיר, הע־הע־הע־הע!"

דער הער הערין הערצנהערין שטעלט זיך איין פאַר מיר: — „אַבער לאָזן זי אים! לאָזן זי אים!"

נאָר עס העלפט נישט. דער טאַטע טרייבט מיך ארויס. איך נעם א „סייפער" („ספר") אין האַנט, נאָר עס ווילט זיך פאָרט נישט קוקן אין סייפער (ספר) אַריין! וואָס טוט מען? איך גיי פון איין צימער אין דעם אנדערן, ביז איך קום צו דעם שענסטן פון אלע צימערן, דאָרטן ווו עס שלאָפט שטענדיק דער הער הערין הערצנהערין.

אך, ווי שיין, ווי ליכטיג דאָרט איז! די לאָמפּן ברענען און די שפּיגלען גלאַנצן. אַפן טיש — א גרויסער, א זילבער־נער טינטער מיט שיינע פּענעס; מענטשעלעך מיט פערדע־לעך, מיט צאַצקעלעך, מיט ביינדלעך, מיט שטיינדלעך... און א מעסערל.

אך, וואָס פאַר א שיין מעסערל!

ווען איך א שטייגער זאָל האָבן אַזאַ מעסערל — ווי גליק־לעך וואָלט איך געווען! וואָס פאַר א מינים זאַכן וואָלט איך מיט דעם אויסגעשניצט!

אנו, מען דארף דאס פרוּוון — איז עס עפעס שארף ?...
אך! עס כאפּט א האָר! עס האקט איבער א האָר! אי־אי־אי, א מעסערל!!...

איין מינוט — דאָס מעסערל איז בא מיר אין האַנט. איך קוק זיך ארום אף אַלע זייטן און פּרוּוו זיך דאָס ארײַנלייגן אַף א מינוטקעלע צו זיך אין קעשענע...

עס ציטערט מיר די האנט... עס קלאפּט מיר דאס הארץ אזוי שטארק, אז איך הער ווי עס מאכט: „טיק־טיק־טיק־טיק!"

איך הער ווי עמיצער גייט, עמיצער סקריפּעט מיט די שטיוול. דאָס איז ער, דער הער הערץ הערצנהערץ!

אי־אַי, וואָס טוט מען?

דאָס מעסערל לאָז זיין בא מיר, איך וועל עס נאָכדעם צוריק אַנידערלייגן. דערווייל דארף מען ארויסגיין, אוועקגיין פון דאַנען, אנטלויפן! אנטלויפן!...

איך קאָן שוין קיין וועטשערע נישט עסן. די מאמע טאַפּט מיך באַם קאָפּ. דער טאַטע וואַרפט אַף מיר בייזע אויגן און שיקט מיך אָפּ שלאָפן...

שלאָפן? איך קען דען צומאכן די אויגן? איך בין א טוי־טער!... וואָס טוט מען מיטן מעסערל? ווי אזוי לייגט מען דאָס אַנידער צוריק?...

ג.

— „קום נאָר אַהער, טאַכשיט (תכשיט) מייִנער!" — מאַכט צו מיר אַף מאָרגן דער טאַטע — „האָסטו געזען ער־נעכטן דאָס מעסערל?"

צו ערשט בין איך געווען זייער דערשראָקן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז ער ווייס, אז זיי ווייסן אלע... שיר־שיר האָב איך זיך נישט ארויסגעכאַפּט: „הא? דאָס מעסערל? אָט איז דאָס!"... עס האָט מיך עפּעס א ווארג געטאָן אין האַלדז און איך האָב מיט ציטערניש געענטפערט:

„ווּ — וואַסער מעסערל?"

— ווּ — וואַסער מעסערל! דאָס גילדענע מעסערל! אונדזער אוירעכם (אורחם)! דו באַבערעץ (בהורעץ), דו שייגעץ איינער, קהע־הע־הע!"

— „וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צום קינד? מישט זיך אריין די מאַמע, דאָס קינד ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן און ער דולט אים א ספּאָדיק: מעסערל, מעסערל!"

— מעסערל, מעסערל! וואָס הייסט ער ווייס נישט! זאָגט דער טאַטע מיט קאַעס (כעס), אַ גאַנץ פריטאָרגן הערט ער, ווי מע שרייט: „מעסערל, מעסערל! מעסערל, מעסערל!" מע קערט איבער די שטוב נאָך דעם מעסערל, פרעגט ער: „ווּ — וואַסער מעסערל?" גיי שוין, גיי, וואש זיך, דו פוסטער באָכער (בחור)־איינער, דו גויעץ, קהע־הע־הע!"

איך דאַנק דיר, גאָט, וואָס זיי האָבן מיך כאָטש נישט באַזוכט! נאָר וואָס טוט מען ווייטער? מע באַדאַרף דאָס מעסערל באַשטאָטן ערגעץ אָף אַ גוט אָרט...

ווּ באַהאַלט מען דאָס? אַהאַ, אָפּן בוידעם! איך כאַפּ דאָס ארויס פון קעשענע און טו דאָס אַ שטופּ אין שטיוול אַ־ריין... איך עס און ווייס נישט וואָס איך עס. איך וואַרג זיך...

— „וואָס כאַפּסטו זיך אַזוי? פרעגט דער טאַטע.

— „איך איל זיך אין כיידער (חדר) אריין", ענטפער איך אים און פיל אַז איך ווער רויט ווי פייער.

— „אַ טאַטמיד (מתמיד) געוואָרן, וואָס זאָגסטו אָף דעם צאַדיק (צדיק)?" וואַרפט ער און קוקט אָף מיר ביית.

קוים־קוים דערלעב איך אָפּצועסן, אָפּצובענטשן.

— „נו, פאַר וואָס גייסטו שוין נישט אין כיידער (חדר), צאַדיק (צדיק) מיינער?" פרעגט מיך דער טאַטע.

— „וואָס טרייבסטו אים אַזוי? זאָגט אים די מאַמע, „לאָז דאָס קינד זיצן אַ מינוט!"

...אַף דעם אָרט, ווּ דאָס מעסערל ליגט באַגראָבן

איך בין שוין אפן בוידעם... ווייט, ווייט באהאלטן ליגט דאס ווייסע מעסערל. עס ליגט און שווייגט.

— „וואס קלעטערסטו אף בוידעמס?" — שרייט דער טאטע, „דו יונגאטש איינער! דו בארמיצוועיונג! (בר־מצווה) קהע־הע־הע!"

— „איך זוך דא עפעס"... — ענטפער איך און פאל שיר נישט אום פאר שרעק.

— „עפעס? וואס הייסט „עפעס"? וואס איז דאס פאר א מין „עפעס"?"

— „א סייפער... (ספר) א... אן אלטע געמארע"... (גמרא).

— „הא? א געמארע? (גמרא) אפן בוידעם? א דו, היצל איינער! קריך שוין אראפ, קריך, וועסט שוין לייזן! דו הינטשלעגער, דו קאל־בוניק (כל־בוניק) איינער, קהע־הע־הע! הע!"

נאר עס ארט מיך שוין נישט אזוי דעם טאטנס קאעס (כעס), ווי סע ארט מיך דאס וואס איך האב מוירע (מורא), טאמער געפינט מען דאס מעסערל? טאמער גראד היינט קריכט מען ארויף אפן בוידעם גרעט אויסהענגען?

מע דארף דאס פון דארטן אראפנעמען און באשטאטן אף א בעסער ארט...

איך גיי ארום אין איין ציטערניש. יעדער קוק פונעם טאטנס אויגן ווייזט מיר אויס, אז ער ווייס שוין, אז אט־אט טוט ער מיך א כאפ וועגן דעם דייטשס מעסערל...

איך האב שוין אן ארט אף דעם, א טייער ארט!

וווּ? אין דער ערד! אין א גריבל בא דער וואנט אריינגעשטעקט און פון אויבן רעכט פארשארט מיט שטרוי, פאר סימען... (סימן).

געקומען פון כיידער (חדר), כאפ איך זיך באלד ארום אין הויף אריין, איך נעם מיר פאוואלינקע ארום דאס מעסערל

און איך האָב קיין צייט אפילע (אפילו) רעכט אָנצושפּיגלען זיך אין דעם, הער איך שוין דעם טאַטנס געפּילדער:

— „ווו ביסטו ערגעץ דאָרט? פאַר וואָס גייסטו שוין נישט דאַווענען? דו וואַסער־פּירער! קהע־הע־הע!"

נאָר וויפיל דער טאַטע יאָגט מיך, וויפיל דער רעבע (רבי) שלאָגט מיך, איז דאָס בלאָטע קעגן יענעם פאַרגעניגן, וואָס איך האָב, בעשאַס (בשעת) איך קום פון כיידער (חדר) און זע זיך מיט מײַן טײַערן, מײַן איינציקן ליבן כאַווער (חבר) — מיט מײַן מעטערל!

דאָס פאַרגעניגן איז אָבער — אוי, ווי! — אויסגעמישט מיט ווייטיק, פאַרביטערט מיט שרעק, מיט גרויס, גרויס שרעק!

ד

זומער־לעבן. די זון זעצט זיך. די לופט ווערט א ביסל קי־לער. דאָס גראָז שמעקט, די זשאַבעס קוואַקען, און שטיקער כמאַרעס פליען דורך אַן רעגן, פאַרביי דער לעוואָנע (לבנה), ווילן זי איינשלינגען. די ווייסע זילבערנע לעוואָנע (לבנה) באַהאַלט זיך אַלע מינוט און באַווייזט זיך ווידער; דאַכט זיך, זי שוועבט און שוועבט — און שטייט אָף איין אָרט.

דער טאַטע זעצט זיך צו אָפן גראָז. ער איז האַלב נאַקעט. ער האַלט איין האַנט אין בוזעם און מיט דער אַנדערער האַנט שאַרט ער באַ דער ערד און קוקט אָפן אויסגעשטערנטן הימל און הוסט. דאָס פּאָנים (פּנים) אַקעגן דער לעוואָנע (לבנה) איז טויט, פאַרזילבערט.

ער זיצט פונקט אָף דעם אָרט, וווּ דאָס מעטערל ליגט באַגראָבן, און ער ווייס גאָרנישט וואָס אונטער אים טוט זיך! אָך, ווען ער זאָל אַ שטיגער וויסן, וואָס וואָלט ער געזאָגט? וואָס וואָלט איך געהאַט?

אהא, טראַכט איך מיר אין האַרצן, האָסט מיר פאַרוואָר־

פּן מײַן הױקערדיק מעסערל, האָב איך איצט א ביסל א בעסערס, א שענערס! זי זיצט אף דעם און די וויסט גאָרנישט. אוי, טאַטע! טאַטע!

— „וואָס גלאָצטו אף מיר מיט די אויגן ווי א קאַטער?" — כאַפּט מיך אָן דער טאַטע. — „וואָס זיצטו צונױפגעלייגט די הענט ווי א שטאָט־באַלעבאָס? קאָנסט זיך שוין גאָר קיין ארבעט נישט אָפּזוכן? קהע־הע־הע!"

אלע, אלע זײַנען אצינד אין דרויסן: דער טאַטע, די מאַמע, די קלענערע קינדער, וואָס זוכן קלײנע שטיינדלעך און שפּילן אין זאָמדעלעך. דער הער הערץ הערצנהערין דרײט זיך אויך ארום איבערן הויף אָן א היטל, רײבערט א „ציגאַרער" און זינגט א דײטש לידל.

ער קוקט אף מיר און לאַכט. דאָס לאַכט ער פון מיר אָפּאָנים (אפּנים) וואָס דער טאַטע טרײַבט מיך. איך לאַך אבער פון זיי אלע!

אַט באלד וועלן זיי אלע גײן שלאָפן, וועל איך זיך דערמאָלט ארױסכאַפּן אין הויף ארױס (איך שלאָף אין הויז, פון פּאַרנט, אף דער ערד, וואָרום אין שטוב איז די היץ שרעקלעך גרױס), איך וועל מיך שוין אָנשפּיגלען אין מײַן מעסערל!...

דער אוילעם (עולם) שלאָפט. שאַ, שטיל ארום און ארום. פּאַוואָלינקע הײב איך זיך אויף אף אלע פיר, און שטיל ווי א קאַץ גאַנווע (גנבע) איך זיך ארױס אין הויף ארױס.

די נאַכט איז שטיל. די לופט איז פריש, מעכאַיע־נעפאָשעס (מחיה - נפשות).

פּאַמעלעך קריך איך צו צו יענעם אָרט, ווו דאָס מעסערל ליגט באַגראָבן. פּאַוואָליע גראָב איך דאָס אויס פון דאָרטן און באַטראַכט דאָס בא דער לעוואָנע (לבנה).

עס גלאַנצט, עס בלישטשעט ווי גינגאָלד, ווי א בריליאַנט. איך הײב אויף די אויגן ארויף און דערזע — די לעוואָנע

(לבנה) קוקט גלייך אראפ צו מיר, אפ מיין מעסערל...
וואס קוקט זי זיך אזוי איין? איך דריי זיך אוים צוריק — זי
קוקט מיר נאך! איך פארשטעל דאס מעסערל מיטן העמדל
— זי קוקט מיר נאך!

זי ווייס בעווים, וואס דאס איז פאר א מעסערל און וו
איך האב דאס גענומען... גענומען? איך האב דאס געגאנוועט
(געגנבעט)!

דאס ערשטע מאל פון זינט דאס מעסערל איז מיינס,
קומט מיר דאס דאזיקע שרעקלעכע ווארט אף די געדאנ-
קען.

געגאנוועט (געגנבעט)? בין איך דאך, הייסט דאס, א
גאנעוו (גנב)? פאשעט (פשוט) א גאנעוו (גנב)?

אין דער טוירע (תורה) שטייט געשריבן, אין די צען גע-
באט, מיט גרויסע אויסיעס (אותיות)

לדי סיגנאח! (לא תגנוב)

זאלסט נישט גאנווענען (גנבענען)! און איך האב געגאנ-
וועט (געגנבעט)!

וואס וועט מען מיר דערפאר טאן אין געהענעם? (גיהנם)
אוי, ווי! מען וועט מיר אפהאקן די האנט, די האנט וואס זי
האט געגאנוועט (גענגבעט)! מען וועט מיך שטייסן מיט איי-
זערנע רימער... מען וועט מיך בראטן און ברענען אף היי-
סע פאנען... אייביק, אייביק וועל איך גליען...

מע באדארף אפגעבן דאס מעסערל! מע באדארף אנידער-
לייגן צוריק דאס מעסערל! מע באדארף נישט קיין געגאנווועט
(געגנבעט) מעסערל! מארגן לייג איך אנידער צוריק דאס
מעסערל.

אזוי טראכט איך מיר און נעם דאס מעסערל צו זיך אין
בוזעם אריין. פיל איך אז סע ברים מיך, סע בראט מיך. גיין,
מע באדארף עס צוריק באהאלטן, באגראבן אין דער ערד אריין
ביז מארגן.

און די לעוואַנע (לבנה) פון אויבן קוקט אַף מיר. וואָס קוקט זי? די לעוואַנע (לבנה) זעט, זי איז אַן איידעס... (עדות).

און איך קריך צו פּאַוואָלינקע צוריק אין הויז אַריין אַף מיין געלעגער און לייג זיך שלאָפן און קאָן נישט אַנטשלאָפן ווערן. איך דריי זיך פון איין זייט אַף דער אַנדערער און קאָן נישט שלאָפן...

מיטן טאָג גלייך שוין בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן. און עס האָבן זיך מיר געכאָלעמט (געחלומט) אייזערנע ריטער, און עס האָבן זיך מיר געכאָלעמט (געחלומט) מעטערלעך...

גאַנץ פרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, אָפּגעדאַוונט און אָפּגעכאַפּט דעם אָנבייסן אַף איין פוס — און מאַרש אין כיידער (חדר) אַריין.

— „וואָס כאַפּסט דאָס דיך אַזוי אַין כיידער (חדר) אַריין?“ — שריים אַף מיר דער טאַטע — „וואָס יאָגט דאָס דיך אַזוי? וועסט נישט אַנוועדן די טוירע (תורה) דיינע שפּעטער אויך! בענטש בעסער ווי עס קער צו זיין און היפּער נישט קיין ווער-טער! דו וועסט נאָך צייט האָבן צו זיין אויסגעלאָזט, דו הול-טיי איינער, דו גוי איינער, קהע־הע־הע־הע!“

ח

וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? טו נאָר אַ קוק אַהער!“ — האַלט דער רעבע (רבי) פיר, און ווייזט מיר אָן מיטן פינגער אַף מיין כאַווער (חבר) בערל דעם רויטנס, וואָס שטייט אין אַ ווינקעלע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. — „זעסטו, ווייסער־בעוורעניק? (חברהניק) זאָלסטו וויסן זיין, אַז פון היינטיקן טאָג און ווייטער איז שוין זיין נאָמען נישט „בערל רויטנס“ ווי ער האָט געהייסן ביז אַהער. ניין! ער הייסט אַצינד אַ שענערן נאָמען: אַצינד הייסט ער: בערעלע דער גאַנעוו!

וואס שווייגסטו, דו גויעץ? העלף זינגען...

(גנב) שרייט זשע קינדער: בערעלע דער גא־א־נעוו־! (גא־א־אנב) בערעלע דער גא־א־אנעוו! (גא־א־אנב).

די דאזיקע ווערטער ציט אוים דער רעבע (רבי) מיט א ניגן (ניגון) און אלע טאלמידים (תלמידים) כאפן אים אונ־טער:

— „בערעלע דער גא־א־נעוו! (גא־א־נב) בערעלע דער גא־אנעוו!" (ג־אנב).

איך בלייב א פארשטיינערטער און א פראסט גייט מיר איבער אפן לייב. איך פארשטיי נישט וואס דאס באטייט.

— „וואס שווייגסטו, דו שייגעץ איינער?" — רופט זיך אן דער רעבע (רבי) צו מיר מיט אן אומגעריכטן פאטש — „וואס שווייגסטו, דו גויעץ? דו הערסט דאך אז אלע זינגען. העלף זינגען מיט אלע גלייך: „בערעלע דער גא־א־אנעוו, (גא־א־אנב), בערעלע דער גא־א־אנעוו!" (גא־א־אנב).

עס ציטערן מיר הענט און פיס. עס קלאפט מיר צאן אף א צאן. נאר איך העלף זינגען: „בערעלע דער גא־א־אנעוו!" (גא־א־נב).

— „העכער, שייגעץ איינער!" — טרייבט מיך אונ־טער דער רעבע (רבי), — „שטארקער! שטארקער!"

און איך מיטן גאנצן כאר זינגען אף אלערליי קוילעס (קולות): „בערעלע דער גא־א־נעוו! (גא־אנב) בערעלע דער גא־א־אנעוו!" (גא־א־נב).

— „ש־ש־ש־ש־א־א־א־א!" — שרייט אוים פלוצים דער רעבע (רבי) און טוט א פאטש מיט דער האנט איבערן טיש — „שא! אצינד וועלן מיר זיך נעמען צום מישפעט (מישפט). (מיט א ניגן) אנו, בערעלע גאנעוו (גנב), קום נאר אהער, מיין קינד, גיכער זשע, גיכער א ביסעלע! זאג נאר, יינגעלע, ווי אזוי רופט מען דיך?" (מיט א ניגן)

— „בערל".

„ווי אזוי נאך ?" (מיט א ניגון).

— „בער... בערל... דער... גאנעוו!" (גנב).

— „אט אזוי, מיין ליב קינד, אט אזוי ביסטו א וואויל יינגעלע (מיט א ניגון) אצינד, בערעלע, געזונט זאלסטו מיר זיין, נעם, בערעלע, און צי אראפ פון זיך די הייזעלעך. אט אזוי! נו שוין, און גיכער שוין! אט אזוי, בערעשי, מיין טייע-רער!"

בערל בלייבט שטיין נאקעט ווי די מאמע האט אים גע-האט. קיין טראפן בלוט איז אין אים נישטא. ער רירט נישט מיט קיין גליד. די אויגן אראפ. א געשטארבענער, א טוי-טער!

דער רעבע (רבי) רופט ארויס איינעם פון די גרעסערע מאלמידים (תלמידים), אלץ מיט א ניגון:

— „אנו, הערשעלע דער גרויסער, גיי נאך ארויס פונעם טיש. אהער, צו מיר, געשווינדער, אט אזוי. און דערצייל אונדז אקארשט די מאיסע (מעשה) פון אנהייב ביזן סאף (סוף). ווי אזוי אונדזער בערעלע איז געווארן א גאנעוו (גנב). הערט בעוורע (הברה), מיט קאפ".

און הערשעלע דער גרויסער הייבט אן צו דערציילן א מאיסע (מעשה), ווי אזוי בערל האט זיך דערשלאגן צו א צדא-קע (צדקה)-פושקע, וואס זיין מאמע וואַרפט אהין אלע פרייטיק פאר ליכט בענטשן א קאפיקע און א מאל צוויי; ווי אזוי בערל האט זיך דערשלאגן צו דער דאזיקער צדאקע (צדקה)-פושקע, אף וועלכער עס הענגט א שלעסעלע; ווי אזוי בערל האט מיט א שטרויעלע מיט סמאלע ארויסגעשלעפט פון דארטן אלע קאפיקעס איינציקווייז ביז לעצט; ווי אזוי די מאמע זיינע האט זיך געכאפט, געעפנט די דאזיקע צדאקע (צדקה)-פושקע, דארט איז געלעגן א שטרוי, איינגעטונקען אין סמאלע; ווי אזוי די מאמע זיינע האט אים „צוגעשטעלט א בענקעלע"; ווי אזוי בערל האט זיך כאלד נאך דעם רעבנס (רבינס) שמייז

מוידע (מודה) געווען, אז אַ גאַנץ יאָר, אַ קיילעכיק יאָר, האָט ער געשלעפּט פון דער צדאָקע (צדקה)־פּושקע די קאָפּיקעס; ווי אזוי ער האָט זיך יעדער זונטיק געקויפט צוויי לעקעכלעך מיט אַ באָקסער; ווי אזוי...

— „אצינד, קינדער, מישפּעט (מישפּט) אים! לאָז יעדער זאָגן זיין מישפּעט (מישפּט), וואָס קומט, אַ גאַנעוו (גנב), וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדאָקע (צדקה)־פּושקע. הערשל דער קליינער, זאָג דו צום ערשטן, וואָס קומט אַ גאַנעוו (גנב), וואָס שלעפּט קאָפּיקעס מיט אַ שטרוי פון אַ צדאָקע (צדקה)־פּושקע?"

דער רעבע (רבי) בייגט איין דעם קאָפּ אויף אַ זייט, ער מאַכט צו די אויגן און שטעלט אונטער דעם רעכטן אויער צו הערשל דעם קליינעם. הערשל דער קליינער ענטפערט הויך, אויף אַ קאָל (קול):

— „אַ גאַנעוו (גנב) וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ פּושקע קומט... מע זאָל אים קאַטעווען ביז בלוט וועט גיין".

— „מוישל (משהל), וואָס קומט אַ גאַנעוו (גנב) וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדאָקע (צדקה) פּושקע?"

— „אַ גאַנעוו" („גנב"), זאָגט מוישל (משהל) מיט אַ וויינענדיק קאָל (קול), — „אַ גאַנעוו (גנב), וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדאָקע (צדקה) - פּושקע קומט מע זאָל אים אָני-דערליינגן, צוויי אויפן קאָפּ, צוויי אויף די פיס, און צוויי זאָלן אים שמייסן מיט איינגעזאַלצענע ריטער"...

— „טאַפּעלע טוטאַריטו! וואָס קומט אַ גאַנעוו (גנב) וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדאָקע (צדקה) - פּושקע?"

קאָפּל קוקאַריקו, אַ ייִנגל, וואָס קאָן נישט אויסרעדן קיין קוף און קיין גימל, ווישט אויס דאָס נעזל און זינגט זיין מישפּעט (מישפּט) מיט אַ קווימש:

—„אַ דאַנעוו וואָס שלעפּט טאָפּיטעס פון אַ פּושטע טומט אים, אַז אַלע ייִנדלעך זאָלן צודיין צו אים און זאָדן אים דלייך

אין פאַנים (פּנים) דריי מאָל אָך א מאָל: דאַנעוו, דאַנעוו, דאַנעוו!"

אין כיידער (חדר) ווערט א געלעכטער. דער רעבע (רבי) נעמט זיך מיטן גראָבן פינגער אונטערן גאָרגל ווי א כאַזן (חזן) און רופט מיך אויך מיטן ניגן (ניגון), וואָס מע רופט אויף א באָסן (התן):

— „זאָג נאָר דו, שלוימעניו (שלומניו) מיין טייערינקער, דיין מישפּעט (משפּט), וואָס קומט א גאַנעוו (גנב) וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון א צדאָקע (צדקה) - פּושקע?"

איך וויל ענטפערן — פאָלגט מיך נישט די צונג. איך ציטער ווי אין א פיבער, עס וואַרגט מיך אין האַלדז. א קאַלטער שווייס באַשלאָגט מיך פון אויבן ביז אראָפּ. עס פייפט מיר אין די אויערן.

איך זע שוין פאַר זיך נישט דעם רעבן (רבין), נישט דעם נאַקעטן „בערל דעם גאַנעוו" (גנב), נישט קיין כאַווירים (חברים). איך זע פאַר זיך נאָר מעסערלעך; און א שיר (שיעור) מעסערלעך; ווייסע, אָפענע מעסערלעך, מיט א סאַך (סך) קלינגלעך, און דאָרט, בא דער טיר — הענגט די לעוואָנע (לבנה), זי שמייכלט און קוקט אָף מיר ווי א מענטש...

עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ, דער גאַנצער כיידער (חדר), מיטן טיש, מיט אַלע כאַווירים (חברים), מיט דער לעוואָנע (לבנה) וואָס הענגט אָף דער טיר, און מיט אַלע מעסערלעך... איך פיל ווי די פיס ווערן אונטערגעהאַקט. נאָך א מינוט — פאַל איך אום. נאָר איך שטאַרק זיך מיט אַלע קויכעס (כוחות) און האַלט זיך איין, איך זאָל נישט פאַלן...

פאַרנאַכט קום איך אַהיים און פיל, אַז דאָס פאַנים (פּנים) ברענט מיר, די בעקעלעך פלאַמען און אין די אויערן זשומעט מיר.

איך הער, מע רעדט צו מיר, נאָר וואָס — ווייס איך נישט. עפּעס זאָגט דער טאַטע, עפּעס ביוזערט ער זיך, וויל געבן

פעמש. די מאמע שטעלט זיך איין פאר מיר, צעלאזט דעם פארטעך, ווי א קוואקע די פליגל, בעשאס (בשעת) זי באַ־שיצט אירע הינדעלעך מע זאל זיי נישט אנרירן צום שלעכ־טן...

איך הער גארנישט, איך וויל גארנישט נישט הערן. איך וויל נאר, ס'זאל ווערן פריער נאכט, איך זאל קענען מאכן אן עק מיטן מעסערל...

וואס טוט מען מיט דעם? מוידע (מודה) זיין זיך און אפ־געבן דאס? וועל איך האבן בערעלעס מישפעט (משפט). אונטערוווארפן דאס? מאמער כאפט מען מיך... פארוווארפן און אן עק, אבי פאטער (פטור) ווערן! וואוהין פארוווארפט מען דאס, אז מע זאל דאס נישט געפינען?

אויפן דאך? וועט מען הערן א קלאפ.

אין גארטן? וועט מען דאס געפינען.

אהא! איך ווייס שוין, איך האב אן אייצע (עצה): אריינ־ווארפן אין וואסער אריין! א טייערע אייצע (עצה) כ'לעבן — אין וואסער אריין, אין ברונעם, טאקע אט דא בא אונדז אפן הויף!...

דער דאזיקער געדאנק געפעלט מיר אזוי שטארק, אז איך וויל גאר לאנג נישט קלערן. איך כאפ דאס מעסערל און לויף גלייך צום ברונעם, און עס דאכט זיך מיר, אז איך האלט אין די הענט נישט קיין מעסערל נאר עפעס א מיעסקייט (מיאוסקייט), א מין שערעץ (שרץ) פון וועלכן עס ווילט זיך מיר וואס גיכער צו באפרייען, פאטער (פטור) ווערן.

נאר סע טוט מיר באנג — אזא טייער מעסערל! א מינוט שטיי איך פארטראכט און עס דאכט זיך מיר, אז איך האלט אין האנט א לעבעדיקע זאך... דאס הארץ טוט מיר ווי אף דעם: סטייטש, סטייטש, עס קאסט מיר אזוי פיל מי!

איך נעם זיך אן מיט הארץ און לאז דאס טיט א מאל א־

און לאָז דאָס מיטאָמאָל אַרויס פון די פינגער — „פּליוך!"

רוים פון די פינגער — „פליוך!... עס טוט א פלעשטשע דאס וואסער, און מער הערט מען נישט...

נישטא קיין מעסערל!

איך שטיי נאך א מינוט באם ברונעם און הער זיך צו־מע הערט גארנישט. דאנקען גאט, פאטער (פטור) געווארן. כאטש דאס הארץ קלעמט מיר, טוט מיר וויי: סטייטש, אזא מעסערל, אזא מעסערל!

איך גיי צוריק צו מיין געלעגער און זע ווי די לעוואנע (לבנה) קוקט מיר נאך. און עס דאכט זיך מיר, אז זי האט געזען אלין וואס איך האב דא געטאן. און איך הער ווי א קאל (קול) פון וויטנס:

— „אבער דו ביסט פארט א גאנעוו! (גנב) כאפט אים, קלאפט אים, ער איז א גאנעוו (גנב), א גא־א־נעוו!" (גא־א־נב).

איך גאנווע (גנבע) זיך אריין צוריק אין הויז אריין און לייג זיך שלאפן. און עס כאלעמט (חלומט) זיך מיר, אז איך לויף, איך שוועב, איך פלי אין דער לופטן מיטן מעסערל, און די לעוואנע (לבנה) קוקט אף מיר און זאגט:

— „כאפט אים, קלאפט אים, ער איז א גאנעוו! (גנב) א גא־א־נעוו!!!"... (גנב).

9

א לאנגער, לאנגער שלאף! א שווערער, זייער א שווע־רער כאלעם! (חלום) עס ברענט אין מיר א פייער, עס זשומעט מיר אין קאפ. אלץ וואס איך זע איז רויט ווי בלוט.

ברענענדיקע ריטער פון פייער קאטעווען מיין לייב און איך דריי זיך אין בלוט. ארום מיר דרייען זיך שלאנגען און עגדישן. זיי האלטן אפן זייערע מיילער און ווילן מיך איינ־שלינגען...

גלייך אין אויער אריין הער איך א בלאז: טהו־טו־טו־טו!

און איינער שטייט איבער מיר און שרייט אף א קאָל (קול) מיט א ניגון, צום טאַקט: „שטייסט אים! שטייסט אים! ער איז אַ גאַ־אַ־נעוו!!!” (ג־א־נב) און אליין שריי איך: „גוואַלד, נעמט צו פון מיר־די לעוואָנע (לבנה) גיט איר אָפּ דאָס מע־סערל! וואָס האָט איר צו בערלען נעבעך? ער איז נישט שול־דיק—דאָס בין איך א גאַ־אַ־נעוו! אַ גאַ־אַ־נעוו!”... (ג־א־נב).

און ווייטער געדענק איך נישט — — — — — — — — —

— —

איך עפן אויף איין אויג און דאָס אַנדערע אויג... ווו בין איך? דאַכט זיך אָף אַ בעט? וואָס טו איך דאָ? ווער זיצט דאָס אָט דאָרט אָף א בענקל באַם בעט?

אַ! דאָס ביסטו, מאַמע? מאַמע!... זי הערט מיך נישט!... מאַמע! מאַמע! מאַאַאמע!!!...

וואָס הייסט דאָס? מיר דאַכט זיך אַז איך שריי אָף אַ קאָל... (קול) שאַ! איך הער זיך צו — זי וויינט? זי וויינט שטילערהייט. אויך זע איך דעם מאַטן מיט זיין געל קרענקלעך פּאָנים (פנים). ער זיצט איבער אַ סייפער (ספר) און זאָגט עפּעס שטילערהייט און הוסט און זיפצט און קרעכצט...

עס ווייזט זיך אויס אַז איך בין שוין געשטאָרבן... גע־שטאָרבן?... מיט א מאָל פיל איך ווי עס ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן, גרינג אין קאָפּ, גרינג אין אַלע אייזורים (אברים). עס קלינגט מיר אין איין אויער, אינעם אנדערן אויער: דזזננננו!!! איך גיב א נים: אפּצשי!...

— „צו געזונט! צו לאַנגע יאָרן! אַ גוטער סימען!” (סימן).

מע דרייט זיך אַרום מיר, מע קוקט אָף מיר. יעדער גייט צו און טוט מיר א טאַפּ באַם קאָפּ. מע שפּרעכט מיך אָפּ, מע לעקט מיר דעם שטערן און מע שפּייט אויס.

און מע קעכלט מיך: מע גיסט מיר אין מויל אריין זודיקע

יויך און מע שטופט מיר מיט לעפעלעך איינגעמאכטס. אלע דרייען זיך ארום מיר, מע היט מיך אפּ ווי דאָס שווארצאפּל פונעם אויג. מע האָדעוועט מיך מיט יאיכלעך און מיט קאטש־קעלעך ווי א פּיצעלע קינד. און מע לאָזט מיך נישט אליין.

עס זיצט שטענדיק לעבן מיר די מאמע און דערציילט מיר איבער אלע מאָל איבער א נייס די גאנצע געשיכטע, ווי אזוי מע האָט מיך אויפגעהויבן פון דער ערד קיטאָט (כמעט) א טויטן; ווי אזוי איך בין געלעגן צוויי וואכן נאכאנאנד אין א העליש פייער און האָב נאָר געקוואקעט ווי א זשאבע, און עפּעס געהאלטן אין איין רייזן פון שמיץ און פון מעסערלעך... מע האָט שוין גערעכנט, אז איך בין שוין כאלילע (חלילה) געשטאָרבן... און נאָך דעם, פּלוצים, האָב איך א נים געגעבן זיבן מאָל, מאַמעש (ממש) פון טויט לעבעדיק געוואָרן...

— „היינט זעען מיר וואָס פאר א גאָט מיר האָבן!" — לאָזט אויס די מאמע מיט טרערן אָף די אויגן — „שיר־שיר נישט אנגעוואָרן א קינד, כאלילע (חלילה), מיר זאָל זיין פאר דיינע ביינער, און איבער וועמען? איבער וואָס? איבער א יינגל א גאנעוו (גנב), עפּעס א בערעלע, וואָס דער רעבע (רבי) האָט פאַרשמיסן אין כיידער (חדר) ביז אין בלוט אריין. אז דו ביסט געקומען צו גיין פון כיידער (חדר), ביסטו שוין געווען א טויטער. דער מאמען זאָל זיין פאר דיר! דאָס איז א רעצייאך (רוצח), דאָס איז א גאזלען (גזלן), גאָט זאָל אים באַצאָלן! ניין, מיין קינד, אז גאָט וועט אונדז שענקען דאָס לעבן און דו וועסט אויפשטיין געזונטערהייט, וועלן מיר דיך שוין אָפּגעבן צו אַן אנדער מעלאמעד (מלמד), נישט אזא רעצייאך (רוצח) ווי אַט דער רעבע!" (רבי).

די דאָזיקע נייס איז בא מיר שרעקלעך אנגעלייגט. איך כאַפּ ארום די מאמע קושן:

— „מייערע, מייערע מאמע!"

און דער טאטע גיים צו צו מיר פאוואליע, לייגט ארויף זיין בלייכע קאלטע האנט מיר אפן שטערן און זאגט צו מיר שוין ווייך, אן א שום קאַעס (כעס):

— „אַי, האסטו אונדז איבערגעשראקן, דו שקאַץ איינער, קהע-הע-זוּע-הע!"

און דער יידישער דייטש אדער דער דייטשער ייד הער הערץ הערצנהערץ, מיט א „ציגאַיער" אין די ציין, בייגט זיך אן מיט זיין געגאלטער מאָרדע איבער מיין בעטל און טוט מיר א גלעט איבערן בעקל און זאגט אף דייטש:

— „גוט, גוט! געזונט, געזונט!"

* *
*

אין א פאר וואכן ארום נאך מיין אויפשטיין פון בעט רופט זיך אן צו מיר דער טאטע:

— „נו, מיין זון, אצינד גיי אין כיידער (חדר) אריין, און האב שוין מער נישט אין זינען קיין מעסערלעך מיט קיין נא-רישקייטן... שוין צייט זאלסט שוין אנהייבן ווערן א שטיקל מענטש, איבער דריי יאר ווערסטו שוין מארמיצווע (בר-מצווה), צו הונדערט און צוואנציק יאר, קהע-הע-הע!"

מיט אזעלכע זיסע ווערטער שיקט מיך דער טאטע ארויס אין כיידער (הדר) אריין צום נייעם מעלאמעד (מלמד). דאס ערשטע מאל הער איך פון מיין בייזן טאטן אזעלכע גוטע ווייכע ווערטער. איך זאל מיך נישט שעמען, וואלט איך אים ארומגעכאפט קושן. נאר, כי-כי-כי — ווי אזוי קושט מען א טאטן?...

די מאמע גיט מיר אין כיידער (חדר) אריין א גאנצן עפל

מיט צוויי גראשן, און אויך דער דייטש שענקט מיר א פאר קאפיקעס מיט א קניפ אין בעקל, און רעדט אַף זיין שפראך:

— „היפשער קנאבע! גוט, גוט!"...

איך נעם די גמארע (גמרא) אונטער דער האנט און גיי אין כיידער (חדר) אריין, ווי א נייגעבארענער, מיט א ריין הארץ, א גרינג הארץ, מיט א לויטערן, קלארן קאפ, מיט נייע געדאנקען, מיט פרישע, ערלעכע, פרומע געדאנקען.

די זון קוקט אראפ און גריסט צו מיר מיט אירע ווארעמע שטראלן. עס הייבט מיך, עס טראגט מיך אין דער לופטן. עס ווילט זיך מיר לויפן, שפרינגען, טאנצן — אך, ווי גוט, ווי זיס דאס איז, אז מע לעבט און מען איז אן ערלעכער. מען איז נישט קיין גאנעוו (גנב), נישט קיין ליגנער!

איך קוועטש צו די גמארע (גמרא) צום הארצן שטארק־שטארק. איך לויף אין כיידער (חדר) אריין געשמאק־גע־שמאק, און איך שווער, אז איך וועל קיין מאל, קיין מאל נישט פארטשעפען קיין פרעמדס; קיין מאל, קיין מאל נישט גאנווענען (גנבענען); קיין מאל נישט לייקענען: שטענדיק זיין אן ערלעכער, אן ערלעכער, אן ערלעכער...

SCHOLEM ALEIJEM

☆

DOS MESERL

[redacted]

EL CORTAPLUMAS

☆

PRECIO $ 1.-

DITORIAL ICUF

BUENOS AIRES 1947

Talleres Gráficos HEUMAN — Pasteur 333 — T. A. [illegible] — Bs. As.